# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Tsvey Lider (Tsu Zayn Finftn Yortsayt)/ Two Poems (On His Fifth Remembrance Day)

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4gq1q51t

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Jacob Samuel Tobish, Yankev Shmuel Toybish/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב שמואל טויבש

(צו זיין פינפטן יארצייט)

# צוויי לידער

## איך ווייס עס ניט...

איך ווייס עס נישט און דאַרף עס אויך נישט וויסן,
וואָס ס'איז מיט דיר, מיין ווילדע בלום, געשען
בעת ס'האָט דער ווינט די וואָרצלען אויסגעריסן.
איך ווייס נאָר: שטאָלץ ביזטו געבליבן שטיין!

עס האָט אויף דיינע גלות־וואַנדערונגען,
אין דחקות, אונטער צרות און געוויין,
דאָס רשעות פון דער וועלט דיך נישט באַצוווּנגען —
און דיין נשמה איז געבליבן ריין!

ס'האָט נישט פאַרמאָגט די וועלט אַריינצוטריפן
דעם סם פון בייזקייט אין דיין יונגן בלוט;
דערהויבן האָסטו דיך פון אַלע טיפן —
און אין דיין האַרץ ביזטו געבליבן גוט!

## עס קען ניט אַנדערש זיין

עס קען ניט אַנדערש זיין, דאָס האָט
דער הימל מיך באַגליקט
און האָט מיר, אין מיין שווערסטער שעה,
אַ מלאך צוגעשיקט.

ווייל נאָר אַ מלאך האָט געקענט
דערטראָגן מיט געדולד
די ווילדע וועגן פון אַ גייסט,
געפּלאָגט פון אייגענער שולד;

פון אַ נשמה, קראַנק, צעריי צט,
פאַרפּלאָנטעט אין אַ נעץ
פון טעותן פון אַ קאַשמאַר
געסטראַשעט און געהעצט.

אָ, מלאך מיינער, בלייב ביי מיר.
די שטראַלנדיקע שיין
פון דיינע ליכטיקע פליגלען וועט
מיין טרייסט, מיין אייביקע, זיין!

ס. נוטקעוויטש

# די סאָוועטישע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס

די יידישע עמיגראַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט זיבן יאָר צוריק, סוף 1973. ביז איצט האָבן זיך דאָ מיט אונדז אין לאָס אַנדזשעלעס באַזעצט אַרום זעקס טויזנט סאָוועטישע יידן.

זייער אָנקומען איז געווען די סענסאַציע פון טאָג, ווייל במשך די איבער זעכציק יאָר עקזיסטענץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַהערקומען פון אַ סאָוועטישן ייד געווען אַ זעלטנהייט. עס פאַרשטייט זיך דעריבער אַז זייער אַהערקומען האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע נייגעריקייט ביי די היגע יידן. יעדער ייד האָט געוואָלט זיי זען און הערן — ווי קוקן זיי אויס? וואָס דערציילן זיי? ווייסן זיי עפּעס וועגן קרובים אָדער באַקאַנטע? ריידן זיי יידיש? און דער עיקר, פאַרוואָס זיינען זיי אַוועק פון דאָרט? האָט מען זיי געצוווּנגען? זיינען טאַקע אמת די אַנטיסעמיטישע נייעסן וועגן יידן־פאַרפאָלגונגען? קורץ, עס איז געווען אַ גרויסע נייגעריקייט ביי אַלעמען צו באַגעגענען און צו ריידן מיט די נייַ־געקומענע. מען איז

יעקב י. מייטלים (סוף פון זייט 9)

צעקריגטע צדדים. ירבעם גופא איז נאָך געשטאָרבן פון אַ נאַטירלעכן טויט און „איינגעגאַנגען צו זיינע עלטערן", אָבער אין דער צייט פון זיין יורש, נדב, האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע. בעשה, איינער פון זיינע פעלדהאַרן, האָט מורד געווען אין אים און איבערגענומען די ממשלה איבערן גאַנצן מלכות ישראל.

ווי עס האָט זיך פאַרצייטנס געפירט, האָט דער פרעטענדענט אויסגעהרגעט דאָס גאַנצע הויז פון ירבעמען, נישט איבערגעלאָזט קיין לעבעדיקן נפש (מלכים א׳, ט״ו, כ״ט). ווי אַזוי אָפט אין תנ״ך, הערן מיר אויך דאָ דעם כסדדריקן פיזמון אַז דאָס אַלץ איז געקומען צוליב די גרויסע זינד און פאַרברעכן פון ירבעם בן נבט. ער איז דאָס געוואָרן שפּעטער דער סימבאָל און פּראָטאָטיפּ פון אַלדאָס בייז, דער היסטאָרישער בעל־חטא, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן דאָס פאָלק ישראל!

ווי ווייט אָבער אַלע האַרטע און ביטערע שטראָף־רייד פון דעם נביא אחיה השילוני און זיין אימהדיקער פאָרויסזאָג אויף די קומענדיקע געשעענישן, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון דעם תנכישן דערציילער, זיינען עכט און אויטענטיש, איז שווער צו זאָגן. אַ סברא, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעלן, מיט אַ שפּאָר ביסל שפּעטערדיקע הוספות אויפן סמך פון די טראַגישע פאַרלויפעגישן, וואָס האָבן געמאַכט אַ טיפן רושם אויפן פאָלק און די היסטאָרישע דערציילערס. בדרך כלל איז דאָס געווען דער היסטאָריאָסאָפישער אויסקוק ביי יידן, מיט זיין איינקלער און אינטערפּרעטאַציע, וואָס אַ שפּעטערדיקער דור פון אָפּגעהיטע שרייבער״ס און רעדאַקטאָרן האָבן פון זייער זייט אַריינגעטראָגן, מיט אַ שפּאָר ביסל צוגאָבן און אינטערפּאָלאַציעס איבעם כוללדיקן סכום פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער יידישער געשיכטע. דערפון זאָלן קומענדיקע דורות אָפּלערנען אַ סוסר־השכל ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין לעבן — גוט צו גאָט און צו לייט.

טעקסט פּראָבלעמאַטיק איז אַן ענין פאַר תנ״ך־פאָרשערס און היסטאָריקערס, און קער זיך נישט אָן מיט דעם עצם פון אונדזער איצטיקער טעמע. דאָ האָבן מיר פאַר אונדזערע אויגן די באַהויכטע און ליכטיקע געשטאַלט פון דעם נביא אחיה און זיין צייט, מיט זיין מאָראַלישן אויפברויז און הייליקן צאָרן, וואָס קעמפט און ראַנגלט זיך מיט צביעות און שקר, פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת און יושר. פון אַזאַ טייג זענען אַלע נביאים געווען געקנאָטן, און מיט זייער צושטורעמטער שליחות איבערגעלאָזט אַ גרויסע און רייכע קולטור־ירושה פאַרן יידישן פאָלק און דער וועלט בכלל.

(לאָנדאָן, חשון תש״ה)